## אורי-צבי פֿאַרן צלם

— — למאי בין איך איינער פֿון דער שיירה צעווייטיקטע, וואָס הענגט נישט אין שכנות מיט דיר אויף אַ דאַרפֿישן סלופּ ביַי אַ צלם-וועג, זון טריקנט מיר, נאַכט לייגט זיך אויף מיר?

דיַין ברודער, זע, די ביינער פֿון מיַין גוף. די חוט-השדרה פֿון מיר: איך בין אין ליכט-פֿון-אַ-וועלט-אין-באַגינען דורכזיכטיק. יסורים ליַיטערן.

טאָג איז בראַנדז. נאַכט איז טינט. שטום ווי דו בין איך ביַי טאָג. (איך קען די משׂא בראַנדז אויף קאָפּ און אויגן נישט טראָגן). אָבער ביַי נאַכט ציט מיך די סוגעסטיע פֿון טיפֿע וואַסערן: אַרונטערגיין, אַ — — ביז איבערן קאָפּ. אַרום זענען ווענט. אַ דריַי-גאַרנדיקע מויער און טויטע גאַסן פֿון אַ קלויסטערשטאָט. קאַרטשע איך מיך, ברודער ישו, ס׳קאַרטשעט זיך אַ ייִדיש הויט-און-ביין (אַ צוויי טויזנט יאָר נאָך דיר. אַלט!) און מיַינע ליפּן ווערן אויפֿגעריסן: רויטע ווונד אינעם פֿינצטערניש — — ס׳גייט מיַין קול שלאַנגענאַרטיק, אויפֿבליצנדיק: וויי! פֿונעם בלוט אַרויס — —

דו, רייַסט זיך פֿונעם סלופּ, ווען זינגענדיקער רעגן גייט, ביימער וואַרפֿן בלעטער אָפּ. יאָמערסט אויפֿן קול. וועלדער שריַיען אויף. וועלט הענגט זיך פֿאַר דיר — און דו — פֿאַר אַלעמענס ווייענעכט — שריַיסט, שריַיסט, ייִדיש-אומגליק-געשריי — —

געדענקסטו ברודער, ס׳הייליקע בית-לחם-דאָרף? געדענקסטו דיַין באַגעגעניש מיט מרים אויפֿן גלילער פֿעלדערוועג: אַ קריגעלע זאַלבונגסאייל. אירע לאָקן אויף דיַינע פֿיס. אַ ווייַסער העברעער-איבערוואָרף אויף דיַין גוף און אַ גאַרטל פֿון תּכלת אויף דיַינע לענדן געגאַרט? ער-ער. ס׳קען זיַין: דו געדענקסט שוין נישט. אַזוי פֿיל טויזנטער גלאָקן-גלאָקן קלינגען. אַזוי פֿיל וואַנזיניקע געבעטער-קולות — און אַ בלוטיק לאַטיַיניש INRI איבערן מוח. — — אָבער פֿאַר וואָס איז דיַין בליק אַלץ נאָך צום הימל געווענדט און קרעכצכצן ווילסטו: אלי אלי, למה עזבֿתּני? — אַ מאָל אָבער שטיי איך אין רויזנדיקער מנחה-ציַיט, שקיעת החמה. ער, דער טאַטע מיַינער ציטערט דעמאָלט אינעם כּאַלאַט ציטער שבקדושה און שעפּט מיט די דורשטיקע אויגן דעם צער פֿון אַ פֿאַרגייענדיקן טאָג וועלט. טאַטע מיַינער וואַרט אָבער אויף שטערן-אויפֿגאַנג. אויף קידוש-לבֿנה. איך — נישט. איך שטיי: אַ וואָלקן, מיט שקיעה אין ליַיב, טראַכט איך שקיעהדיק אין ווייַנענדיקן בלוט אַריַין, בשעת עס רינט אַזוי: ביסט אַ דומם געוואָרן. ברודער ישו. האָסט צוויי טויזנט יאָר שלווה אויפֿן קרייץ. אַרום דיר איז אויס וועלט. ער, האָסט פֿאַרגעסן אַלץ. פֿאַרגליווערטער מוח דיַינער טראַכט נישט: דיר צוקאָפּנס אַ מגן-דוד, איבערן מגן-דוד — דוכנדיקע הענט. אונטער זיי פּאַלמען-זיתים, און אתרוגים-גערטנער.

פֿאַרגליווערטע אויגן זעען נישט: דיר צופֿוסנס: אַ קופּע אָפּגעשניטענע ייִדנקעפּ. צעריסענע טליתים. צעשטאָכענע פּאַרמעטן. ווײַסע לײַוונטן מיט בלוטפֿלעקן. און איבער זיי — אַ שיכּור מיט אַ שיכּורטע, פֿוילע גומענס האָבן זיי. פֿאַרסלינעטע מײַלער — עקל מיט עקלטום. שניי. פֿראָסט. שטאַר. פֿאַרגליווערטער העברעער-צער. אורייִדן-וויי. גלגלתּא, ברודער, זעסטו נישט. גלגלתּא איז דאָ: אַרום-אַרום. פּילאַטוס לעבט. און אין רוים תּהילימט מען אין די קלויסטערעס — —

כ׳וואָלט דיר געבראַכט גלײַענדיקע קוילן אין אַ פֿײַערפֿאַן: אין אַן אויסגעליידיקטן שאַרבן פֿון אַ ייִדנקאָפּ. כּדי צו וואַרעמען דײַנע פֿיס, די פֿאַרפֿרוירענע — — גיב איך אָבער אַ טראַכט: כ׳האָב ברידער געקוילעטע. כ׳האָב ברידער אין דער רויטער בריונים-אַרמיי. און כ׳האָב ברידער ייִנגערע, וואָס פֿלאַנצן אין חדרהס זומפּן עקאַליפּטוסן. קדחת פֿרעסט זיי. שאַקאַלנקלאָג. אָבער אַ ים האָבן זיי. בערג האָבן זיי און דער כּ נ ר ת איז דאָך — כּ נ ר ת. נישט ווײַסל — —

ער-ער. כ׳האָב ברידער בײַם ווײַסל... וואָס זאָל איך דערציילן פֿון זיי? לבֿנה אויפֿן ווײַסל. לאָדקעס שטייען געאַנקערט צום ברעג. שיפֿן גייען אָפּ. נישט מײַנע שיפֿן גייען — — אויף אַלע וואַסערן אין דער וועלט פֿירן שיפֿן מײַנע ברידער אום — —

שניי. פֿראָסט. שטאַר. פֿאַרגליווערטער העברעער-צער. אורייִדן-וויי. ד ו ביסט אַ דומם געוואָרן, ד ו האָסט שלווה אויפֿן קרייץ. איך, — נישט. איך נישט — —

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

למאי בין איך איינער פֿון יענע צעווייטיקטע מתבודדים, וואָס הענגט נישט אין שכנות מיט דיר אויף אַ דאַרפֿישן סלופּ בײַ אַ צלם-וועג — —

למאי איז קיין ליקוי-חמה נישט? — —

# אורי צבי
# פאַרן צלם
# I N R I

למאי בין איך איינער פון
דער שיירה צעווייטיקטע, וואָס
הענגט נישט אין שכנות מיט
דיר אויף א דאָרפישן סלופ ביי
אַ צלם-וועג, זון טריקנט מיך,
נאַכט לייגט זיך אויף מיר? |
דיין ברודער, זע, די ביינער פון מיין
גוף, די חוט-השדרה פון מיר: איך בין אין
ליכט-פון-אַ-וועלט-אין - באַגינען דולציכטיק. יסורים
לייטערן. | טאָג איז בראָנז. נאַכט איז טינט. שטום ווי דו
בין איך בייטאָג. (איך קאָן די משא בראָנז אויף קאָפ און אויגן נישט טראָגן). אָבער ביינאַכט ציט מיך די סוי-
געסטיע פון טיפע וואַסערן: אַרונטערגיין, אַ — — ביז איבערן קאָפ. אַרום זענען וועגס. אַ דרייגאָרנדיקע מויער און טויטע
גאַסן פון א קלויסטער-שטאָט. קאָרטשע איך מיך, ברודער ישו, סקאָרטשעט זיך אַ יודיש הויט-און-ביין (אַ צווייטויזנט יאָר
נאָך דיר. אלס!) און מיינע ליפן ווערן אויפגעריסן: רויטע וואונד אינם פינסטערניש — — ס׳גייט מיין קול
שלאַנגענאַרטיק, אויפבליצנדיק: ו וי י! פונם בלוט אַרויס — — | ד ו, רייסט זיך פונם סלופ, ווען זינגענדיקער רעגן גייט,
ביימער וואַרפן בלעטער אָפ. יאָמערסט אויפן קול. וועלדער שרייען-אויף. ו ו ע ל ט ה ע נ ג ט ז י ך פ אַ ר ד י ר — און דו
— פאַר אלעמענס הייען-נעכט — שרייסט, שרייסט, י י ד י ש - א ו מ ג ל י ק - געשריי — — | געדענקסטו ברודער, ס׳היי-
ליקע בית-לחם-דאָרף? געדענקסטו דיין באַגעגעניש מיט מרים אויפן גלילער פעלדער-וועג: אַקריגעלע זאַלבונגס-אייל. א י ר ע
לאָקן אויף דיינע פיס. אַ ווייסער העבריי-ער-איבערוואַרף אויף דיין גוף און אַ גאַרטל פון תכלת אויף דיינע לענדן געגאָרעטע?
עך-עך. ס׳קאָן זיין: דו געדענקסט שוין נישט. אַזויפיל-טויזנטער גלאָקן-גלאָקן קלינגען. אַזויפיל וואַנזיקע געבעטער-קולות —
און אַ בלוטיק לאַטייניש INRI איבערן מוח. — — אָבער
פאַרוואָס איז דיין בליק אַלץ נאָך צום הימל גע-
הענגט און קרעכצנדיק חילסטו: אלי אלי
למה עזבתני? אַמאָל אָבער שטיי איך
אין רויזנדיקער מנחה-צייט, שקיעת
החמה. עך, דער טאַטע מיינער
ציטערט דעמאָלט אינם כאַלאַט
ציטער שבקדושה און שעפט מיט
די דורשטיקע אויגן דעם צער פון
אַ פאַרגייענדיקן טאָג וועלט. טאַ-
טע מיינער וואַרט אָבער אויף
שטערנאויפגאַנג. אויףקידוש-לבנה.
איך — נישט. איך שטיי: אַ
וואָלקן, מיט שקיעה אין לייב,
טראַכט איך שקיעהדיק אין ווײ-
נענדיקן בלוט אַריין, בשעת עס
רינט אַזוי: ביזט א ד ו מ ם געוואָ-
רן, ברודער ישו. האָסט צוויי טוי-
זנט יאָר שלוה אויפן קרייץ. אַרום
דיר איז א ו י ס ו ו ע ל ט. עך,
האָסט פאַרגעסן אַלץ. פאַרגליווער-
טער מוח דיינער טראַכט נישט:
דיר צעקאָפנס אַ מגן-דוד, איבערן
מגן - דוד — דולנדיקע הענט.
אונטער זיי פאַלמען-זיתים, - און
אתרוגים-גערטנער. | — פאַר-
גליווערטע אויגן זעען נישט: דיר
צופיסנס: אַ קופּע אָפגעשניטע-
נע יידן - קעפ. צעריסענע טליתים.
צעשטאָכענע פאַרמעטן. ווײ-
סע לייוונטן מיט בלוט-פלעקן.

גראַפישער אויסשטעל פון דעם ליד (׳אַלבאַטראָס׳, נומער 2)